# אנדערסענס מעשהלעך

יידיש דער נסתּר

№ 5

# די ווילדע שוואנען.

פאַרלאַג

„קולטור-ליגע"

וואַרשע.


אידישע בוכהאנדלונג „פראגרעס" - Juan Jaures 467 - Buenos Aires
ג. קאפלאנסקי

Club Infantil Racionalista ISRAELITA Bs. AIRES

איבערדרוקן פֿאַרבאָטן.

געדרוקט אין 3500 עקז.
װאַרשע, 1921.

BAJKI ANDERSENA. Wyd. „KULTUR-LIGE". Warszawa 1921.

Druk I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.



# די ווילדע שוואַנען.

ווייט־ווייט פון דאַנען, דאָרט, וואוהין די שוועלבעלעך פליען זיך אויף ווינטער אַוועק, האָט געוואוינט אַ מלך, וואָס האָט עלף זין געהאַט און אַ טאָכטער אַ קליינע, וואָס מ׳האָט די עליזאַ גערופן. זיינען דאָך די עלף ברידער פרינצן געוועזן, האָבן זיי דערום אויך אין שול און ביים לערנען שטערן־מעדאַליען אויף די ברוסטן און שווערדן אויף די זייטן געטראָגן. מיט גריפעלן פון דימענט האָבן זיי אויף גאָלדענע

טאָוולען געשריבן און האָבן אַלץ אַזוי גוט אויף אויסנווייניק געקענט, גלייך זיי וואָלטן פון אַ ביכל עס געליינט. פון אַלע־מען איז צו דערקענען געווען, אַז דאָס זיינען פּרינצן געווען. דאָס שוועסטערל עליזאַ זייערס איז אויף אַ בענקעלע פון שפּיגל־גלאָז געזעסן און אַ ביכעלע מיט געמעלן געהאַט, וואָס מ'האָט דערפאַר אַ האַלבע מלוכה אָפּגעצאָלט.

האָט זיך די קינדער זעהר גוט געלעבט, אָבער ס'האָט לאַנג נישט געדויערט.

זייער פאָטער — דער מלך פונם לאַנד — האָט פאַר אַ שלעכטער מלכּה חתונה געהאַט, וואָס האָט די קינדער נישט ליב געקראָגן. זיי האָבן עס פונם ערשטן טאָג שוין באַמערקן געקאָנט. אין פּאַלאַץ האָט מען אַ גרויסע סעודה געפּראַוועט, און די קינדער האָבן גענומען אין „געסט", אין אַ שפּיל אַזאַ מין, שפּילן. תּמיד פלעגט מען זיי צו אָט דער שפּיל זיסע קיכעלעך און געבראָטענע עפּל, וואָסערע מ'האָט נאָר געקאָנט קריגן, אַרויסגעבן, דאָס מאָל האָט די מלכּה זיי אין טיי־שאָלעכלעך זאַמד געגעבן און געזאָגט, אַז אויך דערפון קאָן מען אַלערליי געבעקסן מאַכן.

אין אַ וואָך אַרום האָט זי דאָס שוועסטערל, עליזאַן, אין אַ דאָרף און אין אַ פּויער־געזינדל אָפּגעשיקט און אין אַ צייט אַרום האָט זי דעם מלך אויף זיינע זין אַזוי פיל שלעכטס אָנגערעדט, אַז ער האָט זיך פון זיי שוין גאָר מיאוס געוועזן.

— גייט אייך, וואוהין די אויגן וועלן אייך טראָגן און שפּייזט זיך, ווי איר וועט זיך שפּייזן! — האָט געזאָגט די מלכּה די שלעכטע, — ווערט פאַרוואַנדלט אין פויגלען אין גרויסע אָן קול און אָן שטים! — דאָך האָט זיך דער מלכּה נישט איינגעגעבן דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס זי האָט פאַר זיי פאַרטראַכט, זיי זענען: די עלף פּרינצן האָבן זיך אין פּרעכ־טיק־שיינע ווילדע שוואַנען פאַרוואַנדלט, זיינען זיי מיט אַ משונה־געשריי דורך די פענסטער פון פּאַלאַץ אַרויסגעפלויגן אין ווייט־ווייט דורך וואַלד און פּאַרק זיך אַוועקגעטראָגן.

ס'איז נאָך גאַנץ פרי געווען, ווען זיי זיינען צו פליען

געקומען צו דעם אָרט, וואו דאָס שוועסטערל זייערס איז אי שטיבעלע ביים דאָרפסמאַן געוועזן און נאָך געשלאָפן. האָבן זיי זיך לאַנג איבערן דאַך דאָרט אַרומגעטראָגן, די לאַנגע העלזער אויסגעצויגן און מיט פליגל־פּאָך געפאָכעט. האָט אָבער קיינער נישט געזען, האָט אָבער קיינער נישט געהערט. נו, — זיינען זיי זיך ווייטער אַוועקגעפלויגן, האָבן זיך אַזש ביז אונטער די סאַמע וואָלקנס אַרויפגעהויבן און לסוף אין אַ גרויסן און פינסטערן וואַלד געקומען, וואָס האָט זיך האַרט און ביזן סאַמע ים־ברעג געצויגן.

די אָרימע קליינע עליזאַ איז אין שטיבעלע ביים דאָרפסמאַן געשטאַנען און מיט אַ גרין בלעטל זיך געשפּילט; קיין אַנדערע שפּילעכלעך האָט זי נישט געהאַט. האָט זי אין בלעטעלע אַ לעכעלע דורכגעשטאָכן און דורך דאָרטן אויף דער זון געקוקט. און געדאַכט האָט זיך איר, אַז זי זעט די ליכטיקע אויגן פון די ברידער אירע. און יעדעס מאָל, ווען די זונען־שטראַלן האָבן זי איבער די באַקן געגלעט, האָט זי זיך אין די ברידערס קושן דערמאָנט.

און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג. דער ווינט, דורכפליענדיק פאַרביי די רויזן־קוסטעס, וואָס זיינען פאַר דער שטוב פונם דאָרפסמאַן געשטאַנען, פלעגט ביי זיי אַ פרעג טאָן: „איז נאָך פאַראַן וואָס שענערס פון אייך?״ אָבער די רויזן פלעגן מיט די קעפ שאָקלען און זאָגן: „עליזא איז שענער פון אונז״. און ווען די אַלטע פויערטע פלעגט זיך אַלע זונ־טאָג אויף דער שוועל פון דער שטוב אַוועקזעצן און עפעס אין סידור דאָרטן זאָגן, פלעגט דער ווינט די בלעטלעך מישן און ביים סידור פרעגן: „איז נאָך דאָ פרומערס פון דיר?״ — „עליזא!״ — פלעגט דער סידור ענטפערן. און אי די רויזן אי דער סידור האָבן דעם ריינעם אמת געזאָגט.

און אַז עליזאַן איז פופצן יאָר געוואָרן, האָט מען זי צוריק אַהיים גענומען; נאָר ווי די מלכה האָט דערזען, ווי שיין זי איז, איז זי ביז געוואָרן און נאָך מער ווי פריער זי פיינט געקראָגן. זי וואָלט זעהר געוואָלט אויך עליזאַן, ווי

אירע ברידער, אין אַ ווילדן שוואַרצן וואַלד־שטערן, באַלד אָבער דאָס אויספּירן האָט זי זיך נישט איינגעשטעלט, ווייל דער מלך האָט זי זען געוואָלט. גאַנץ פרי איז די מלכה אין באָד אַריין אַוועקגעגאַנגען, אין דער באָד, וואָס איז פון מירמלשטיין אויסגעבויט געווען, און וואָס אינעווייניק איז מיט טייערע טעפּיכער און ווייכע קישנס אויסגעשפּרייט געווען. און זי האָט דריי זשאַבעס גענומען, יעדער זשאַבע אַ קוש געטאָן, און דער ערשטער אַזוי געזאָגט: „אַז עליזאַ וועט אין באָד קומען, זאָלסטו זיך איר אויפן קאָפּ זעצן, כדי זי זאָל ווערן אַזוי נאַריש, ווי דו". — „זעץ זיך איר אויפן שטערן, — האָט זי געזאָגט דער צווייטער, — זי זאָל ווערן אַזוי מיאוס און העס־ליך, ווי דו, און דער פאָטער זאָל זי נישט דערקענען!" — „רו אויפן האַרצן ביי איר, — האָט זי איינגערוימט דער דריטער, — כדי זי זאָל אַ שלעכטע ווערן און פון שלעכטס קיין רו נישט וויסן"... דערנאָך האָט זי די זשאַבעס אין אַ ריין וואַ־סער אַריינגעלאָזט, וואָס האָט באַלד טאַקע אַ גרינע מראה באַקומען, עליזאַן צוגערופן, זי אויסגעטאָן און איר אין וואסער גיין געהייסן. און אָט, ווי נאָר עליזאַ האָט זיך אין וואַסער אונטערגעטוקט, אַזוי האָט זיך באַלד איין זשאַבע איר אין די האָר איינגעפלאָכטן, די צווייטע האָט זיך איר אויפן שטערן געזעצט, און די דריטע — אויפן האַרצן. עליזאַ אָבער האָט עס גאָרנישט ניט באַמערקט; און אַז זי האָט דעם קאָפּ פון אונ־טערטוקן אַרויסגענומען, זיינען אויפן וואַסער דריי רויטע מאָן־בלומען אַרומגעשוואומען. וואָלטן די שרצים קיין גיפטיקע ניט געווען און וואָלט די מכשפה ניט געקושט זיי, וואָלטן זיי זיך אין רויטע רויזן פאַרוואַנדלט. אָבער בלומען זיינען זיי דאָך געוואָרן, און דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן אויף עליזאַס קאָפּ און עליזאַס האַרץ גערוט. דאָס מיידל איז אַזוי ריין און אומשולדיק געווען, אַז קיין כשוף האָט אויף איר קיין שליטה ניט געהאַט.

דאָס דערזען, האָט די שלעכטע מלכה עליזאַן מיט זאַפט פון טערקישע ניסלעך אָנגעריבן, אַזוי אַז די הויט אירע האָט

אַ טונקל ברוינע פאַרב באַקומען, דאָס פּנים האָט זי איר מיט אַ שטינקענדיק שמירעכץ אויסגעשמירט און די וואונדער־שיינע האָר אירע — צעפּאַטלט. ס'איז אוממעגליך געווען אַפילו די פריערדיקע עליזאַ צו דערקענען.

אַז דער פאָטער האָט זי דערזען, האָט ער זיך דער־שראָקן און געזאָגט, אַז ס'איז ניט זיין טאָכטער. אויסער די שוועלבעלעך און דעם הונט אויף דער קייט, האָט פון פּאַלאַץ קיינער די פּרינצעסין נישט דערקענט; נאָר דאָס זיינען דאָך מער ניט ווי אָרימע חיות געווען, וואָס קיינער באַמערקט זיי נישט און קיינער לייגט אויף זיי קיין אַכט נישט.

און עליזאַ האָט זיך צעוויינט; זי האָט זיך אין אירע ברידער, וואָס זיינען ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן, דערמאָנט. טיף־פאַרטרויערט איז זי פון פּאַלאַץ־הויף אַרויסגעגאַן, אַ גאַנצן טאָג איבער די פעלדער אין איבער די בלאָטעס אַרומגעבלאָנ־דזשעט, ביז זי איז לסוף צום גרויסן וואַלד דערגאַן. זי האָט אַליין נישט געוואוסט, וואוהין זי גייט; נאָר ס'האָט זיך איר זעהר שטאַרק אירע ברידער זען געוואָלט, וואָס האָבן געוויס אויך, ווי זי, ערגעץ אצינד אָהן אַ היים אַרומגעבלאָנדזשעט, און עליזאַ האָט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיי צו זוכן און אָפּזוכן.

נישט לאַנג איז עליזאַ אין וואַלד אָפּגעווען, און דער־וויל איז שוין די נאַכט צוגעפאַלן. האָט זי זיך גאָר פון וועג אַראָפּגעשלאָגן; האָט זי זיך דערום אויפן ווייכן מאָך אַוועק־געלייגט, האָט פאַרן שלאָף קריאת־שמע אָפּגעלייענט און דעם קאָפּ אין אַן אונטערגעהאַקטן בוים־וואָרצל אָנגעשפּאַרט. אין וואַלד האָט אַ טיפע שטילקייט געהערשט; די לופט איז אַזאַ שטילע געווען און אַרום און אַרום, איין גראָז און אין מאָך האָבן אַלע מאָל, ווי גרינע פייערלעך, הונדערטער גלי־ווערים־לעך זיך אָנגעצונדן. אַז עליזא האָט זיך גרינג מיט דער האַנט צו איינעם אַ צווייגעלע צוגערירט, זיינען די בלישטשענ־דיקע ברואימלעך, ווי די פאַלנדיקע שטערן, אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן.

די גאַנצע נאַכט האָבן זיך איר די ברידער געחלומט: זיי האָבן מיט איר ווידער, ווי ווען זיי זיינען נאָך קינדער געווען, געשפּילט, מיט דימענט-גריפּעלן אויף גאָלדענע טאָוולען געשריבן און אין ביכלעך מיט די געמעלן, וואָס האָט אַ האַל-בע מלוכה אָפּגעקאָסט, אַריינגעקוקט. איצט אָבער האָבן זיי די טאָוולען שוין נישט מיט קיין נולן און פּאַסיקלעך באַשריי-בן, נאָר מיט מעשים גרויסע, וואָס זיי האָבן געטאָן און אויפגעטאָן, און אויך אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען און זיך אָנגעליטן. און אין ביכל מיט די געמעלן איז אַצינד אַלץ לעבעדיק געווען: די פויגלען האָבן געזונגען, די מענטשן זיי-נען פונם ביכל אַרויסגעגאַנגען און מיט עליזאַן און מיט די ברידער גערעדט. ווען זי האָט אָבער אַ בלעטל איבערגעמישט, זיינען זיי צוריק אויף די ערטער אַריין, כדי ס'זאָל קיין אומאָרדנונג נישט זיין.

אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז די זון שוין הויך אין הימל געשטאַנען. אמת, זען זי האָט זי נישט געקאָנט: די הויכע פּנימער האָבן זי מיט זייערע געדיכטע צווייגן פאַר-שטעלט, אָבער די זונען-שטראַלן האָבן זיך אויף די בלעטער געהוידעט, פונקט ווי אַ פּאָכנדיקע נעץ אַ גאָלדענע; פון דעם גראָז און פון די בלומען האָט זיך אַ טייערער ריח געטראָגן און די פויגלען זיינען אַזוי נאָענט אַרום איר אַרומגעפלויגן, אַז זיי האָבן זיך איר כמעט אויף די אַקסלען געזעצט. פונ-דערווייטנס האָט זיך אַ פּליעסקען פון וואַסער געהערט: דאָס זענען אַ פולע טייכעלעך געווען, וואָס זיינען אין איינער אַן אָזערע מיט אַ קלאָרן זאַמדיקן באָדן, אַריינגעפאַלן. אַרום-און-אַרום זיינען געדיכטע קוסטעס געוואַקסן; נאָר אויף איינעם אָרט האָבן די הירשן אַ וועג דורכגעשלאָגן, און אָט דורך דעם אָרט איז אַצינד עליזאַ צו דער אָזערע צוגעגאַנגען. דאָס וואַסער דאָרט איז אַזוי לויטער געווען, וואָס ווען ניט דער ווינט זאָל געווען מיט די קוסטעס-צווייגן רירן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז זיי זיינען דאָרט גאָר אויסגעמאָלט אויפן באָדן: אַזוי קלאָר האָט זיך אינם וואַסער יעדעס בלעטע-

לע אָפּגעשפּיגלט — סיי דאָס, וואָס איז מיט זון געווען באַ-לויכטן, און סיי דאָס, וואָס האָט זיך אין שאָטן געפונען.

אַז עליזאַ האָט אין וואַסער איר פּנים דערזען, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן: אַזוי שוואַרץ און העסליך איז עס געווען; אָבער ווי נאָר זי האָט איר קליין הענטל אין וואַסער איינגענעצט און דערמיט דעם שטערן און די אויגן זיך אויס-געריבן, אַזוי האָט איר הויט צוריק איר בלענדנדיקע ווייס-קייט באַקומען. האָט זי זיך דאַן אינגאַנצן אויסגעטאָן און אין וואַסער אַריינגעגאַן. אויף דער גאַנצער וועלט האָט מען שוין קיין שענערע פּרינצעסין נישט געזען.

אַז זי האָט זיך אָנגעטאָן און די לאַנגע האָר פאַרפלאָכטן, איז זי צום שוימענדיקן קוואַל צוגעגאַן, אַ האַנט מיט וואַסער אָנגענומען, זיך אָנגעטרונקען און ווייטער אין וואַלד אויף בלאָנקען און אַליין, וואוהין ניט-וויסנדיק, אַוועקגעגאַנגען. זי האָט וועגן אירע ברידער געטראַכט און אויך וועגן גאָט דעם דערבאַרימדיקן, וואָס פאַרלאָזט נישט די פאַרלאָזענע. האָט איר גאָט אויף איינעם אַ בוים אָנגעוויזן, וואָס זיינע צווייגן האָבן זיך אונטער דער פרוכטן-שווערקייט געבויגן. האָט עליזאַ מיט זיי איבערגעביסן, די אַראָפּגעבויגענע צווייגן מיט דרענגלעך אונטערגעשפּאַרט און אין סאַמע וואַלד-געדיכטעניש אַריין. דאָרטן איז אַזוי שטיל געווען, אַז זי האָט אירע אייגענע טריט געהערט און אויך דאָס קנאַקן פון יעדן בלעטעלע, וואָס זי האָט דערויף מיטן פיס אָנגעטראָטן. קיין פויגל איז דאָרט נישט צו זען געווען, קיין איין זונען-שטראַל האָט זיך דורך די דאָרטיקע פינסטערע און געדיכטע ביימער-צווייגן נישט דורכגעשלאָגן; די הויכע שטאַמען זיינען אַזוי נאָנט איינס נעבן אַנדערן געשטאַנען, אַז ווען עליזאַ האָט אויף זיי און פאָראויס געקוקט, האָט זיך איר געדאַכט, גלייך ווי פאַר איר וואָלט אַ גאַנצע ריי געדיכטע ביימער-גראַטעס געשטאַנען. קיינ-מאָל האָט נאָך עליזאַ אַזאַ אָפּגעזונדערט אָרט נישט געזען.

די נאַכט איז שרעקליך פינסטער געווען. קיין איין גליי-ווערימל האָט אין מאָך ניט געבלישטשעט. טרויעריק האָט זיך

על־זא אויפן גראָז אַנידערגעלייגט, אויף אַנטשלאָפן ווערן בדעה־
האָט זיך איר דאַן אויסגעדאַכט: ווי די צווייגן פון די ביימער
צענעמען זיך איבער איר, אַ לויטערער און קלאָרער הימל
עפנט זיך, און דער דערבאַרימדיקער גאָט מיט גוטע, פרומע
אויגן קוקט אויף איר, און קליינע מלאכימלעך ביי זיין קאָפּ
און זיינע הענט אַרויסקוקן.

אַז זי האָט זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט, האָט זי אַליין
נישט געוואוסט, צי דאָס איז אַ חלום געווען, צי זי האָט עס
טאַקע בהקיץ געזען.

איז זי ווייטער געגאַנגען און באַלד זיך אויף אַן אַל־
טיטשקער מיט אַ קוישל יאַגדעס אין די הענט אָנגעשלאָגן. יע־
נע האָט איר עטליכע יאַגדעס געגעבן. דאַן האָט עליזא ביי
איר אַ פרעג געטאָן, צי האָט זי נישט באַגעגנט אין וואַלד
עלף פרינצן רייטנדיק פאָרן.

— ניין! — האָט געענטפערט די אַלטע, — נאָר נעכטן
האָב איך עלף שוואַנען מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ
געזען; זיי זיינען אויפן טייך אַראָפּ וואַסער געשוואומען, און
אָט דאָ, און נישט ווייט פון דאַנען.

און זי האָט עליזאן צו אַ באַרג־אָפּרייס צוגעפירט, וואָס
צופיסנס ביי אים האָט זיך אַ טייכעלע געשלענגלט; ביידע
ברעגן זיינען מיט ביימער, ווי אַרומגעזוימט געווען, וואָס האָ־
בן איינס אַנטקעגן אַנדערן זייערע לאַנגע און געדיכט־בלעטער־
דיקע צווייגן אויסגעשטרעקט און דאָרט, וואו זיי האָבן זיך
איינס מיט אַנדערן צונויפגיין נישט געקאָנט, האָבן זיי די
וואָרצלען זייערע פון דער ערד אַרויסגעשטעקט, איבערן וואַ־
סער זיך אַריבערדערלאַנגט און מיט די צווייגן זיך צונויפ־
געפלאָכטן.

האָט זיך עליזא מיט דער אַלטער געזעגנט און אַוועק־
געגאַנגען מיט דער לענג פונם ברעג צו דעם אָרט, וואו דאָס
טייכל איז אין ברייטן און אין אָפענעם ים אַריינגעפאַלן.

פאַרן יונגן מיידל האָט זיך דער אָנברעגיקער ים מיט
זיין גאַנצער מעכטיקער שיינקייט אויסגעשפרייט; אויף אים

אָבער האָט זיך נישט קיין זעגל און ניט קיין שיפל נישט אָנגעזען. נישט ווילנדיק איז זיך איר אָפּשטעלן אויסגעקומען. האָט זי באַטראַכטן גענומען די אָנצאָליקע שטיינדעלעך, מיט וועלכע דער ברעג איז ווי פאַרזייט געווען און וואָס דאָס וואַסער האָט פאַרקײלעכדיקט. גלאָז, אייזן, שטיינער — אַלץ, וואָס ס'איז דורך די כוואַליעס אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, איז דורך דעם וואַסער פאַרשלייפט געוואָרן, דאַן ווען דאָס וואַסער איז דאָך נאָך ווייכער, ווי עליזאס צאַרט הענטל געווען. און קוקנדיק אויפן וואַסער, האָט דאָס מיידעלע זיך געטראַכט: אומערמידליך קאַטשעט זיך דאָס וואַסער הין און הער און סאַמע די האַרטסטע זאַכן פאַרשלייפט. וועל איך אויך אַזוי אומערמידליך זיין. „אַ דאַנק אייך פאַר דער לערע, ליכטיקע, לויפנדיקע כוואַליעס! ווען ניט איז — אַזוי זאָגט מיר דאָס האַרץ — וועט איר מיך צו מיינע ליבע ברידער טראָגן".

אויפן פייכטן גראָז פון ברעג האָט זי עלף ווייסע שוואַנען=פעדערן באַמערקט. האָט זיי עליזאַ אין איין בינטל צונויפגענומען. די פעדערן זיינען מיט וואַסער=טראָפּנס באַדעקט געווען: מעגליך, אַז דאָס איז טוי געווען און מעגליך טרערן עמיצנס — ווער ווייסט? פוסט און איינזאַם איז אויפן ים=ברעג געווען; נאָר עליזא האָט דאָס נישט געפילט, ווייל דער ים האָט מיט זיך אַן אומאויפהערליכן בייט פון בילדער פאָרגעשטעלט; אין אַ משך פון אַ שעה האָט ער זיך אַ סך מאָל מער געביטן, ווי דאָס וואַסער פון די אָזערעס אין משך פון יאָרן. האָט זיך אַ שוואַרצע כמאַרע אָנגערוקט — האָט דער ים באַלד אַזאַ אויסזען באַקומען, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט: „אויך איך קאָן אָנגעברוגזט זיין". און דאַן האָט אַ ווינט גענומען בלאָזן, און די כוואַליעס האָבן בייזעריק ווייסן שוים אַרויסגעוואָרפן. ווען אָבער די וואָלקן אויפן הימל האָבן ראָז אויסגעזען, און דער ווינט איז שטיל געוואָרן, איז דער ים ענליך צו אַ רויזן=בלעטעלע געוואָרן, אָט האָט ער זיך גרין געוויזן, און אָט ווייס גאָר. נאָר ווי רוהיק ער זאָל זיך נישט געווען אויסווייזן, דער ים, איז אויפן ברעג אויף זיינעם כסדר אַ

גרינגע באַוועגונג פאָרגעקומען, און דאָס וואַסער האָט זיך געהויבעט גרינג, פונקט ווי די ברוסט פון אַ קינד אַ שלאָפנדיקס.

פאַרן זון־פאַרגיין האָט עליזא עלף שוואַנען מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפ דערזען, וואָס זיינען אין דער ריכטונג צו איר און ווי צום ברעג צוגעפלויגן. און געטראָגן האָבן זיי זיך איינס נאָכן אנדערן אין א שורה אַ לאַנגער, אַזוי אַז פונדערווייטנס האָבן זיי זיך, ווי אַ לאנגע ווייסע סטענגע אויסגעוויזן. האָט זיך עליזא באַלד אויפן שפּיץ פון אַ פעלז אויפגעהויבן און אונטער אַ קוסט זיך באַהאַלטן; האָבן זיך די שוואַנען נישט ווייט פון איר אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט און מיט זייערע גרויסע ווייסע פליגלען זיך פון פליען אָפּגעפּאָכעט.

ווי נאָר די זון איז אינגאנצן פאַרגאַנגען, זיינען פון זיי די שוואַנען־פעדערן אַראָפּגעפאַלן, און עלף פּרינצן, עליזאס ברידער, זיינען אויפן ים־ברעג געשטאַנען. האָט זי הויך א געשריי געטאָן. וואָרים הגם זיי האָבן זיך שטאַרק געביטן, דאָך האָט זי זיי באַלד דערקענט: דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דאָס זיינען די ברידער אירע. און זי האָט זיך זיי אין די אָרעמס געוואָרפן און זיי ביי די נעמען אָנגערופן; אויך די פּרינצן האָבן פון פרייד די קעפּ פאַרלאָרן, אַז זיי האָבן זייער שוועסטערל דערזען. אויך זיי האָבן זי באַלד דערקענט, הגם אויך זי איז אויסגעוואָקסן און אַזאַ שיינהייט געוואָרן. האָבן זיי געלאַכט און געוויינט און באַלד איינס פונס אַנדערן געוואָר־געוואָרן, ווי שלעכט זייער שטיפמוטער איז זיך באַגאַנגען מיט זיי אַלעמען.

— מיר, ברידער, — האָט געזאָגט דער עלטסטער, — פליען אין געשטאַלט פון ווילדע שוואַנען אַרום, ביז די זון אין הימל שיינט; נאָר ווי זי פאַרגייט, אַזוי נעמען מיר ווידער אַ מענטשליך אויסזען אָן. דערום דאַרפן מיר כסדר אויפפּריער זיך באַוואָרענען, אַז צום זונען־פאַרגיין זאָלן מיר אונטער די פיס אַ האַרטן באָדן האָבן; ווען מיר זאָלן אין יענער צייט אונטער די וואָלקנס שוועבן, וואָלטן מיר, מענטשן ווערנדיק, געמוזט אויף דר׳ערד אַראָפּפאַלן. וואוינען וואוינען מיר

גישט דאָ. פֿון יענער זייט ים איז פֿאַראַן אַ לאַנד אַזאַ אַזוי שיינס, ווי דאָס. נאָר דער וועג אַהין איז זעהר אַ ווייטער: מיר מוזן אַ גרויסן ים איבערפֿליען, און אויפֿן ים איז קיין איין אינזל נישטאָ, וואָס מיר זאָלן אויף אים איבערנעכטיקן קאָנען; נאָר אויף סאַמע דעם מיט פֿון וועג שטעקט אַרויס אַן איינזאַמער פֿעלז אַ קליינער, וואָס איז אַזוי קליין, אַז זיך אויסשטעלן אויף אים קאָנען מיר ניט אַנדערש, סיידן מיר זאָלן זיך גוט צונויפֿדריקן אינאיינעם. אַז דער ים שטורעמט, קאַטשען זיך די כוואַליעס איבער אונז דאָרט אַריבער, אָבער מיר דאַנקען גאָט אויך פֿאַר דעם שטיקל היים-שוץ אויך. און מיר פֿאַרברענגען דאָרט די נאַכט אין מענטשליכן אויסזען; וואָלט יענער פֿעלז נישט געווען, אַזוי וואָלטן מיר קיינמאָל אונזער ליבֿ געבֿורטס-לאַנד נישט געקאָנט באַזוכן, ווייל אויף איבערפֿליען דערויף דאַרפֿן מיר די לענגסטע צוויי טעג אין יאָר האָבן. נאָר איין מאָל אין יאָר ווערט אונז דערלויבט אונזער געבֿורטס-לאַנד צו באַזוכן און דאָרט עלף טעג פֿאַרברענגען. פֿליען מיר דעמאָלט אָט דעם גרויסן וואלד אַריבער, וואָס פֿון דאָרטן קאָן מען דעם שלאָס אונזערן אָנזען, דאָרט וואו מיר זיינען געבֿוירן געוואָרן און וואו דער פֿאָטער אונזערער לעבט, און אויך דאָס הויכע קלויסטער-טורעמל, וואו אונזער מוטער איז באַגראָבֿן. יעדער בוים, יעדער קוסטל דאָרט איז אונז נאָנט, טייער און אייגן; דאָ טראָגן זיך די ווילדע פֿערד איבער די סטעפּעס ארום, ווי אין דער צייט פֿון אונזער קינדהייט נאָך; דאָ זינגט דער קוילן-גרעבער די זעלבע לידער, אונטער וועלכע מיר האָבן געטאַנצט אַמאָל קינדווייז; דאָ איז אונזער געבֿורטס-לאַנד, אַהער ציען מיר זיך מיט דער נשמה שטענדיק און דאָ אויך האָבן מיר דיך, אונזער ליבֿ און טייער שוועסטערל, געפֿונען. אָבער נאָך צוויי טעג איז אונז אויף צו זיין דאָ געבליבן, דערנאָך דאַרפֿן מיר ווייטער אויף יענער זייט ים אוועקפֿליען, אין יענעם וואונדער-לאַנד, וואו מיר פֿילן זיך דאָך, ווי פֿרעמדע. ווי אַזוי נעמט מען דיך מיט מיט אונז? מיר האָבן דאָך קיין שיף און קיין שיפֿל ניט!

— און ווי אַזוי טוט מען פון אַייך דעם כּשוף אָפּ? — האָט געפרעגט די שוועסטער.

אַזוי האָבן זיי מיט שמועסן די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט; און נאָר אויף איינִיגע שעה אַנטדרימלט געוואָרן. עליזא האָט זיך פונם רויש פון שוואַנען־פליגלען אויפגעכאַפּט: די ברידער האָבן זיך ווייטער אין שוואַנען פאַרוואַנדלט. זיי האָבן אין דער לופט גרויסע עגולן געמאַכט און דערנאָך אינגאַנצן פון אויג פאַרשוואונדן; נאָר איינער פון זיי, סאַמע דער ייִנגסטער, איז מיט דער שוועסטער געבליבן; אַזוי האָבן זיי דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט. פאַרנאַכט־צו האָבן זיך אויך די איבעריקע אומגעקערט, און, אַז די זון האָט זיך געזעצט, האָבן זיי ווייטער אַ מענטשן־געשטאַלט באַקומען.

— מאָרגן, — האָט געזאָגט דער עלטערער, — וועלן מיר פון דאַנען אַוועקפליען און ביז איבער־אַ־יאָר זיך שוין נישט אומקערן אַהער. אָבער דיך אַליין דאָ לאָזן קאָנען מיר נישט. וועסט ביי דיר מוט קלעקן אונז נאָכצוגיין? אין מיינע הענט פיל איך גענוג כּח דיך איבערן וואַלד איבערטראָגן; זאָלזשע זיין, אַז ביי אונז אַלע וועט קיין כּוחות נישט קלעקן דיך איבערן ים איבערצוטראָגן?

— נעמט מיך מיט אייך! — האָט געזאָגט עליזא.

האָבן די ברידער אַ גאַנצע נאַכט ביי דער אַרבעט פאַרבראַכט און פון בויגנדיקער ווערבע־אָפּשיילעכץ און טשערעט אַ גרויס און שטאַרק נעץ־וויגל אויסגעפלאָכטן. און עליזא האָט זיך אין דערין אַריינגעלייגט. און, אַז די זון איז אויפגעגאַנגען און די ברידער האָבן זיך אין ווילדע שוואַנען פאַרוואַנדלט, האָבן זיי דאָס נעץ־וויגל מיט די פּיסקעס אָנגענומען און דערמיט זיך הויך־הויך אויפגעהויבן און אויך מיט דער ליבער שוועסטער זייערער, וואָס איז נאָך געשלאָפן דעמאָלט. די זונען־שטראַלן זיינען גלייך איר אויפן פּנים געפאַלן און דערום איז איינער פון די שוואַנען באַשטענדיק איבער איר קאָפּ געפלויגן, כּדי זי פאַר דער זון מיט זיינע ברייטע פליגלען שיצן.

זיי זיינען שוין ווייט פון ברעג געווען, אַז עליזא האָט זיך אויפגעכאַפּט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלץ איז עפּעס אַ חלום, אַזוי משונה האָט זיך איר אויסגעוויזן דאָס טראָגן־זיך אונטער די הימלען דאָרטן און איבערן ים, דעם [illegible]פרעגיקן. נעבן איר איז אַ צווייג מיט פרישע צייטיקע יאַגע־דעס געלעגן און אויך אַ בינטל געשמאַקע וואָרצלען אַזוינע; דיביידע זאַכן האָט פאַר איר דער יינגערער ברודער צונויפ־געקליבן. האָט זי מיט דאַנק געלאַכט צו אים, ווייל זי האָט אים דערקענט: דאָס איז ער איבער איר קאָפּ געפלויגן און זי מיט זיינע פליגלען פון דער זון געשיצט.

זיינען זיי אַזוי הויך געפלויגן, אַז סאַמע די גרעסטע שיף, וואָס זיי האָבן אונטער זיך געזען, האָט זיך זיי, ווי אַ ווייסער ים־פויגל, וואָס האָט זיך אויף די כוואַליעס געוויגט, אויסגעזען. איז זיי אַ גרויסער וואָלקן נאָכגעשוואומען, אויף וועלכן עליזא האָט דעם שאָטן פון זיך און פון די עלף שוואַנען געזען; אָבער די שאָטנס דאָרט האָבן זיך, ווי ריזן געוויזן. אַזאַ וואונדערליך בילד האָט נאָך עליזא קיינמאָל ניט געזען, נאָר אַז די זון האָט זיך העכער אויפגעהויבן און דער וואָלקן איז ווייט פון אונטער זיי געבליבן, איז דאָס לופט־בילד פאַרשוואונדן.

אַ גאַנצן טאָג זיינען זיי אָן אָפּשטעל און פונקט, ווי אַ פייל פון בויגן אַרויסגעלאָזט, געפלויגן. דאָך האָבן זיי איצט פּאָראויס פּאַמעליכער ווי געווייניליך געצויגן; זיי האָבן דאָך די שוועסטער געטראָגן.

און דער אינדרויסן האָט זיך געביטן, אויפן ים איז אַ שנוי געוואָרן, און דער אָוונט האָט זיך דערנענט. האָט עליזא אומרוהיק דער זון נאָכגעקוקט, ווי זי האָט זיך אַלץ נידעריקער צום האָריזאָנט אַראָפּגעלאָזט און דעם איינזאַמען פעלז אויפן ים האָט מען נאָך נישט אָנגעזען. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די שוואַנען איצט אַלץ שטאַרקער מיט די פליגלען מאַכן. אָך, דאָס איז דאָך איר שולד געווען, וואָס זיי האָבן זיך נישט מיט דער געהעריקער גיכקייט פּאָראויס געטראָגן.

און געוואוסט האָט זי, אַז ווי נאָר די זון וועט פאַרגיין, וועלן זיי מענטשן ווערן, אין ים אַריינפאַלן און דערטרונקען ווערן. און עליזא האָט פון טיפן האַרצן גאָט געבעטן, נאָר דעם פעלז האָט מען נאָך אַלץ נישט אָנגעזען. שוואַרצע כמאַרעס האָבן זיך אַלץ נענטער אָנגערוקט, שטאַרקע ווינטן־בלאָזן האָבן אויף אַ שטורעם נביאות געזאָגט; לסוף האָבן זיך די כמאַרעס אין איין גרויזאַמער שוואַרצער מאַסע צונויפגעגאָסן, וואָס האָט זיך פאָראויס מיט אַן אומאויפהערליכן כח געטראָגן, און די בליצן האָבן געבליצט אָן אַן אויפהער.

און אָט איז שוין די זון צום סאַמע ים־ברעג פאַרגאַנגען. ביי עליזאן האָט דאָס האַרץ צו קלאַפּן אויפגעהערט... אין דער מינוט זיינען די שוואַנען אַזוי נידעריק געפלויגן, אַז איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי נידער פאַלט. נאָר אָט האָבן זיי זיך ווידער גלייך און פאָראויס גענומען טראָגן. די זון האָט זיך שוין אויף דער העלפט אונטערן וואַסער אַראָפּגעלאָזט... און דאַן ערשט האָט זי אונטער זיך אַ קליינעם פעלז דערזען, די גרויס נישט מער פון אַ קאָפּ פון אַ ים־לייב, וואָס האָט זיך פון וואַסער אַרויסגעשטעקט. די זון האָט שוין גענידערט גיכער; אָט האָט זי זיך שוין, ווי אַ קליין שטערנדל די גרויס אויסגעזען... נאָר אין דער מינוט האָט עליזאס פוס אין הארטן באָדן זיך אָנגערירט. די זון האָט זיך פונקט, ווי אַ לעצטער פונק פון אַ פּאַפּיר אַ ברענענדיקן, אויסגעלאָשן. האָט עליזא אַרום זיך אירע ברידער דערזען, ווי זיי זיינען האַנט ביי האַנט געשטאַנען און קוים־קוים אויפן פעלז זיך אויסגעשטעלט. די ים־כוואַליעס האָבן זיך אין פעלז אָנשלאָגנדיק, זיי מיט וואַסער־שפּריצן באַשפּריצט; דער הימל האָט פון אומאויפהערליכע בליצן געבליאַסקעט; די דונער־בראָכן האָבן זיך אין איין ניט־אַנטשוויגן־ווערנדיקן ברומען צונויפגעגאָסן, אָבער די שוועסטער און די ברידער האָבן זיך ענג צונויפגערוקט איינס צום צווייטן און תהלים זאָגנדיק פון דאָרט טרייסט און מוט געשעפּט.

מיטן טאָגליך איז די לופט ריין און לויטער געוואָרן,

און ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען, אַזוי זיינען די שוואַ=
נען מיט דער שוועסטער זייערער ווייטער געפלויגן. דער ים
האָט נאָך געכוואַליעט. און אַז עליזאַ האָט אויף אים פון אוי=
בן אַראָפּגעקוקט, האָט איר דער וואַסער=שוים אויף די טונקל=
גרינע כוואַליעס, ווי שווימענדיקע שוואַנען, אויסגעזען.

און אַז די זון האָט זיך העכער אויפגעהויבן, האָט עליזאַ פאַר
זיך דערזען, ווי אין דערלופט איז ווי אַ באַרגיק לאַנד גע=
שוואומען מיט בלישטשענדיקע אייז=מאַסן אויף די פעלז=שפּיצן
דאָרטן; צווישן די פעלזן האָט זיך אַ שלאָס פון עטליכע מייל
די לענג אַרויסגעזען, מיט שאַרף=פאַרשפּיצטע טורעמלעך איינס
איבערן אַנדערן איבערגעוואָרפן; אונטן האָבן זיך פאַלעם=וועל=
דער און וואונדער=שיינע בלומען די גרויס, ווי מיל=שטיינער,
געשאָקלט. האָט עליזאַ אַ פרעג געטאָן, צי איז נישט דאָס
דאָס לאַנד, וואָס זיי פליען אַהין, נאָר די שוואַנען האָבן מיט
די קעפּ געשאָקלט, ווייל דאָס בילד, וואָס ס׳האָט זיך איר פאָר=
געשטעלט, איז געווען נישט קיין זאַך, נאָר דער שיינער און
אייביק=זיך=בייטנדיקער לופט=שלאָס פון פ אַ ט אַ=מ אָ ר ג אַ נ אַ,
וואָס אַהין קאָן ק י י ן לעבעדיק באַשעפעניש נישט אַריינקומען.
עליזאַ האָט שטאַרק זיך איינגעקוקט אין אים; נאָר פלוצים
זיינען די בערג, די וועלדער און דער שלאָס אומגעפאַלן, און
אויף זייער אָרט האָבן זיך צוואַנציק וואונדערליכע קלויסטערס
באַוויזן, איינער אויפן צווייטן ענליך און מיט הויכע טורעמס
און מיט פענסטער פאַרשפּיצטע. איר האָט זיך אַפילו דאָס קול
פון אַן אָרגאַן געהערט, נאָר דאָס איז נאָר דער ווייטער ים=
רעש געווען. אָט איז זי שוין גאָר נאָנט צו די קלויסטערס
צוגעקומען, האָבן זיי זיך אין איין כהרף=עין אין אַ גאַנצן
שיפן=פלאָט פאַרוואַנדלט, וואָס האָט אויף אַלע זעגל=כלים צע=
לאָזט זיך; האָט זי אויף הינטן אַראָפּגעקוקט — האָט זי דערזען,
אַז ס׳איז בסך=הכל נאָר אַ היפל געווען, וואָס האָט איבערן
וואַסער דאָרט גערוקט זיך. אָט אַזוי האָבן זיך פאַר איר אַלע
מינוט די בילדער געביטן, ביז ס׳האָט זיך לסוף טאַקע באמת
דאָס לאַנד, וואוהין זיי זיינען געפלויגן, באַוויזן. דאָרט האָבן


אנד. 5 II

זיך וואונדערליכע בערג בלויע מיט צעדערן־וועלדער, מיט שטעט און טורעמס זיך דערהויבן. נאָך אַ סך פריער פאַרן זון־פאַרגיין האָבן זיי זיך אויף אַ פעלז געטראָפן, ביים אַריינגאַנג פון אַ הייל אַ גרויסער, וואָס איז מיט איידעלע, גרינע און זיך־פלעכטנדיקע געוויקסן געוועז באַוואָקסן; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע הייל איז מיט אויסגענייטע טעפּיכער אויסגע־שפּרייט געווען.

— נו, מיר וועלן זען וואָס פאַר אַ חלומות ס'וועלן זיך דיר ביי־נאַכט חלומען! האָט געזאָגט דער ברודער דער ייִנגע־רער עליזאן, איר שלאָף־צימער אָנווייזנדיק.

— אַך, ווען גאָט זאָל מיר אין שלאָף אַ מיטל צושיקן, ווי אייך צו ראַטעווען! — האָט זי געזאָגט. דער געדאַנק האָט זי שטאַרק באַהערשט. האָט זי שטאַרק צו גאָט געבעטן, ער זאָל איר העלפן. אויך אין שלאָף האָט זי אים געבעטן. האָט זיך איר געחלומט, אַז זי איז הויך־הויך אין דער לופט צום שלאָס פון פאַטאַ־מאָרגאַנאַ געפלויגן, און איר אַנטקעגן איז אַליין די פעע אַרויסגעגאַנגען, אַזאַ שיינע און בלישטשענדיקע, און, דאָך, ווי צוויי טראָפּן צו דער אַלטיטשקער ענליך, צו יענער אַלטיטשקער, וואָס האָט אין וואַלד איר יאַגדעס געגעבן און וועגן די שוואַנען מיט די גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ דערציילט.

— דיינע ברידער קאָן מען העלפן! — האָט געזאָגט די פעע: — וועט אָבער ביי דיר דערויף געדולד און שטאַרקייט קלעקן? אמת, די וואַסערן זיינען ווייכער, ווי דיינע הענט, און דאָך שלייפן זיי שטיינער; נאָר זיי פילן אָבער נישט דעם ווייטאָק, וואָס דיינע הענט וועלן פילן; זיי האָבן קיין האַרץ ניט און פילן נישט דעם שרעק און די ליידן, וואָס דיר וועט ליידן אויסקומען. דו זעסט, אָט די קראָפּיווע, וואָס ביי מיר? אַזאַ מין קראָפּיווע וואַקסט אויך אַרום דער הייל, וואָס דו שלאָפסט אין איר; נאָר די קראָפּיווע און אויך נאָר די, וואָס אויף אַ בית־הקברות וואַקסט, טויגן פאַר דער זאַך פאַר דיינער. געדענק עס גוט! אָט די קראָפּיווע זאָלסטו אָנרייסן, דיינע הענט זאָלן זיך אַפילו אינגאַנצן מיט בלאָטערן באַדעקן. צע־

טרעט זי מיט די פיס, וועסטו אַ שפינעכץ באַקומען; פון דעם שפינעכץ זאָלסטו עלף פאַנצערן מיט לאַנגע אַרבל אויספלעכטן; אָט די פאַנצערן וועסטו אויף די עלף שוואַנען ארויפוואַרפן — און דער כשוף וועט פאַרשוואונדן ווערן. נאָר געדענק, אַז פון דער מינוט, וואָס דו הויבסט אָן די אַרבעט, ביז דער מינוט, וואָס דו וועסט זי פאַרענדיקן, טאָרסטו קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן, ווען אַפילו אויף דער אַרבעט זאָלן דאַרפן גאַנצע יאָרן אַוועקגיין; דאָס ערשטע וואָרט, וואָס דו וועסט אַרויסרעדן, וועט עס דאָס האַרץ פון דיינע ברידער, ווי מיט אַ שטעך־מעסער דורכשטעכן. זייער לעבן הענגט אויפן שפּיץ צונג ביי דיר. געדענק עס!

און דאָ האָט די פעע מיט דער קראָפּיווע צו עליזאס הענט זיך צוגערירט, האָט עס זי, ווי מיט פייער אַ ברי געטאָן, און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. ס׳איז שוין גוט ליכטיק געווען, האָט זי נעבן זיך אַ צווייגעלע קראָפּיווע געטראָפן, פּונקט אַזאַ, וואָס זי האָט אין חלום געזען. האָט זיך עליזא אויף די קני אַנידערגעשטעלט, גאָט געדאַנקט, און פון דער הייל אויף צו דער אַרבעט זיך נעמען אַרויסגעגאַן.

מיט אירע צאַרטע הענט האָט זי אָנגעהויבן די שלעכטע קראָפּיווע צו רייסן, וואָס זי האָט זי ווי מיט פייער געבריט; גרויסע בלאָטערן זיינען איר אויף די הענט און אויף די פיס אויפגעלאָפן; נאָר זי האָט מיט פרייד דעם ווייטאָק געליטן, אַבי אירע ברידער די טייערע צו באַפרייען. און זי האָט די קראָפּיווע מיט די באָרוויסע פיס געטראָטן און אַ גרין שפּינעכץ פון איר געשפּינט.

אַז די זון איז פאַרגאַנגען, זיינען די ברידער צו פליען געקומען. און, זעענדיק, אַז די שוועסטער זייערע רעדט קיין וואָרט ניט אַרויס, האָבן זיי זיך זעהר דערשראָקן, זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ נייע כשוף־שטיק פון דער שלעכטער שטיפמאַמע זייערער. נאָר אַז זיי האָבן אויף אירע הענט אַ קוק געטאָן, האָבן זיי פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קרבן זי האָט ברענגען צוליב זיי זיך גענומען, און דער ייִנגערער ברודער האָט זיך צעוויינט, און דאָרט, וואו זיינע טרערן זיינען גע־

פאַלן, א׳ז דער ווייטאָק איבערגעגאַן און די ברענענדיקע בלאָטערן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן.

די ערשטע נאַכט האָט זי פאַר דער אַרבעט פאַרבראַכט — זי האָט רוען נישט געקאָנט. דעם גאַנצן צווייטן טאָג, ביז די שוואַנען זיינען אַרומגעפלויגן, האָט זי אין איר אָפּגעזונ־דערטקייט פאַרבראַכט; אָבער קיינמאָל איז נאָך ביי איר אַזוי די צייט נישט געפלויגן, ווי דעמאָלט. איז שוין איינער אַ פּאַנ־צער גרייט געווען, און זי האָט פאַר אַ צווייטן זיך גענומען.

פלוצים האָט זיך אין די בערג דאָס טרומייטן פון אַ יעגער־האָרן דערהערט. דעם מיידל האָט אַ שרעק אָנגעכאַפּט; און די קולות האָבן זיך אַלץ דערנענטערט; און ס׳האָט זיך אַ בילן פון הינט דערהערט. עליזא איז אין שרעק צו דער הייל אַוועקגעלאָפן, איר צונויפגעקליבענע קראָפּיווע אין איין בינטל צונויפגעבונדן און זיך אַרויפגעזעצט דערויף.

אין דער מינוט איז פון דעם פעלז־גראָבן אַ הונט אַרויסגעשפרונגען, נאָך דעם ערשטן — אַ צווייטער, און נאָך דעם צווייטן — אַ דריטער; זיי האָבן הויך געבילט, אַנטלאָפן און ווייטער אָנגעלאָפן. אין עטליכע מינוט אַרום האָבן זיך פאַר דער הייל אַלע יעגערס באַוויזן; סאַמע דער שענסטער און דער שטאַלטיקסטער פון זיי איז דער מלך פון יענעם לאַנד געווען. איז ער צו עליזאן צוגעגאַנגען — ער האָט נאָך קיינ־מאָל אַזאַ שיינקייט נישט געזען!

— ווי קומסטו אַהער, קינד שיינס? — האָט ער זי גע־פרעגט. נאָר עליזא אַלס ענטפער האָט נאָר מיטן קאָפּ געשאָ־קלט: רעדן האָט זי זיך נישט איינגעשטעלט, ווייל דאָס לעבן און די רעטונג פון אירע ברידער איז דאָך פון דעם אָפּהענ־גיק געווען. און זי האָט אירע הענט מיט קראָפּיווע אָפּגעבריטע אונטערן פאַרטוך באַהאַלטן, דער מלך זאָל זיי נישט באַמערקן.

— קום מיט מיר! — האָט ער איר געזאָגט: — ס׳איז קיין אָרט ניט דאָ פאַר דיר. אויב דיין האַרץ איז אַזוי שיין, ווי דאָס פּנים דיינס, וועל איך דיך אין סאַמעט און אין זיידנס אָנטאָן, דיר אויפן קאָפּ אַ גאָלדענע קרוין אַרויפלייגן, און דו

וועסט לעבן, הערשן און באַפעלן אין סאַמע דעם שענסטן פון די פּאַ־לאַצן מיינע. — און מיט די ווערטער האָט ער זי צו זיך אויפן פערד אַרויפגעזעצט. עליזא האָט געוויינט און די הענט געבראָכן; נאָר דער מלך האָט איר ליב אַזוי געזאָגט: איך וויל דאָך נאָר דאָס גליק דיינס... דו וועסט זען, ס'וועט קומען אַ צייט און דו וועסט מיר אָפּדאַנקען דערפאַר! — און ער האָט זיך מיט איר דורך די בערג אַוועקגעטראָגן און די יעגערס זיינען אים נאָכגעפאָרן.

בעתן זון־פאַרגיין האָט זי אַ שיינע הויפּטשטאָט מיט קלויסטערס און קופּאָלן דערזען. דער מלך האָט עליזאן אין אַ שלאָס אַריינגעפירט, וואו אין הויכע מירמלשטיינערנע זייַלן האָבן פאָנטאַנען געשלאָגן, און די ווענט און די סטעליע זיינען מיט געמאָלעריי באַצירט געווען. עליזא האָט אָבער אויף גאָר־נישט קיין אַכט נישט געגעבן. זי האָט געוויינט און געטרויערט און מיט גלייכגילטיקייט זיך אין מלוכה־קליידער פאַרפּוצן דערלויבט, אין די האָר זיך פּערל איינפלעכטן און דינינקע הענטשקעס אויף די פאַרוואונדעטע הענט זיך אַרויפציען.

און אַז עליזאַ איז מיט איר נייעם פּרעכטיקן פּוץ פון פּוץ־צימער אַרויסגעגאַן, איז זי אַזוי בלענדנדיק שיין געווען, אַז אַלע הויפלייט האָבן זיך פאַרבויגן. דער מלך האָט זי פאַר זיין כלה פאָרגעשטעלט, הגם דער ערצבישאָף האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט און געזאָגט, אַז די וואַלד־שיינהייט איז אַ מכשפה געוויס, וואָס האָט דעם מלך זיינע אויגן פאַרבלענדט און זיין האַרץ פאַרנעפּלט.

דער מלך אָבער האָט אים נישט געהערט. ער האָט גע־הייסן דער מוזיק שפּילן, האָט געהייסן די טייערסטע געקעכצן דערלאַנגען, און די שענסטע מיידלעך האָבן באַדאַרפט פאַר עליזאַן טאַנצן. האָט מען זי דורך שמעקנדיקע סעדער און פּרעכטיקע זאַלן דורכגעפירט, נאָר קיין מינדסט שמייכעלע האָט זיך ביי איר נישט אויף די ליפּן און נישט אויף די אויגן געוויזן. פּונקט ווי אַ סטאַטוע פון טרויער איז זי צווישן דער אַלגעמיינער פרייד געשטאַנען. דאַן האָט דער מלך אַ קליין צימערל, נעבן וועלכן זי האָט שלאָפן גענדאַרפט, אויפגעעפנט.

דאָס צימערל איז מיט טייערע גרינע טעפּיכער צוגעקליבן געווען, און אויף דער הייל, וואו זי האָט פריער געלעבט, ענליך געווען. אויף דער בריק דאָרט איז אירס אַ בינטל קראָ־פּיווע־שפּינעכץ געלעגן, און אונטער דער סטעליע איז אַ פּאַנ־צער געהאַנגען, דער, וואָס זי האָט אים שוין פאַרענדיקט געהאַט. די אַלע זאַכן האָט מיט זיך איינער פון די יעגערס אַלס זעלטנקייטן און חידושים מיטגענומען.

— אָט דאָ וועסטו דיר קאָנען אין דיין פאַנטאַזיע אין דיין פריערדיקן געבורטס־לאַנד זיך איבערטראָגן! — האָט גע־זאָגט דער מלך. — אָט איז די אַרבעט, מיט וועלכער דו האָסט זיך דאָרטן פאַרנומען; אין רייכטום, וואָס געפינסט זיך אַצינד, וועט דיר געוויס איינגענעמען זיין זיך אָן פריערדיקן דערמאַנען.

אַז עליזא האָט דערזען דאָס, וואָס איז אַזוי נאָנט איר האַרצן געווען, האָט זיך צום ערשטן אויף אירע ליפּן אַ שמייכל באַוויזן און אירע בלאַסע באַקן האָבן זיך ווידער מיט אַ רויטקייט באַדעקט. זי האָט וועגן די ברידערס רעטונג אַ טראַכט געטאָן און דעם מלך די האַנט אַ קוש געטאָן, און דער מלך האָט זי צו זיין האַרצן געדריקט און געהייסן אין די גלעקער קלינגען און וועגן זיין חתונה אויסרופן. די שטומע וואַלד־שיינהייט איז די מלכה פונם לאַנד געוואָרן.

דאַן האָט דער ערצבישאָף גענומען דעם מלך שטיל אין אויער עפּעס שלעכטע רייד איינרוימען. דער מלך האָט אָבער אויף זיי קיין אכט נישט געגעבן. די חתונה איז פאָרגעקומען, און אַליין דער ערצבישאָף האָט באַדאַרפט עליזאַן אויפן קאָפּ די קרוין אַרויפלייגן; פון פאַרדראָס האָט ער איר אַזוי נידע־ריק דאָס שמאָלע רייפל אויפן שטערן אָנגערוקט, אַז ס'האָט איר זעהר וויי געטאָן און זי שטאַרק געדריקט. אבער איר האַרץ האָט נאָך אַ גרעסערער ווייטאָק געדריקט — דאָס בענקען אירס נאָך די ברידער, און איבער דעם האָט זי קיין קער־פּערליכע ווייטאָקן נישט געפילט. די ליפּן אירע זיינען געשלאָסן געווען — וואָרים איין וואָרט אירס האָט דאָך געקאָנט

די ברידער אומבּרענגען; נאָר אין די אויגן בּיי איר האָט אמתע ליבּע צום גוטן, שיינעם מלך געלויכטן, וואָס האָט אַלץ געטאָן, אַבּי זי פריילעכער מאַכן; און מיט יעדן טאָג איז ער איר טייערער געוואָרן, דער מלך. אַך, ווען זי זאָל זיך קאָנען פאַר אים אנטדעקן און אים איר צרה פאַרטרויען! נאָר זי האָט אָבער געמוזט שטום בּלייבּן און שטום איר אַרבּעט אויספירן. און זי פלעגט זיך בּיינאַכט אין קליינעם צימערל, וואָס איז ווי די הייל צוגעקליבּן געווען, אַריינגנבעט און די פאַנצערן איינעם נאָך דעם אַנדערן פלעכטן. נאָר ווען זי האָט זיך פאַרן זיבּעטן גענומען, האָט בּיי איר קיין שפּינעכץ נישט געקלעקט.

זי האָט געוואוסט, אַז די קראָפּיווע, וואָס איר איז נויטיק געווען, איז אויפן בּית־הקברות געוואַקסן; האָט זי אָבער אַליין זי בּאַדאַרפט אָנרייסן. ווי אַזוי־זשע רייסט מען זיך בּיינאַכט פון פּאַלאַץ אַרויס און מע קומט אַהין?

„אָ, וואָס איז דער ווייטאָק פון מיינע הענט אַנטקעגן דעם ווייטאָק פון מיין האַרצן!" — האָט זי זיך געטראַכט. — איך מוז עס אָבער טאָן און גאָט וועט מיך נישט פאַרלאָזן.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, גלייך ווי צו אַ שלעכטער זאַך טאָן גייענדיק, האָט זי זיך אין אַ לבנה־נאַכט אין סאָד אַריינגעגנבעט און דורך דער לאַנגער אַלעע און פוסטע גאַסן אויפן בּית־הקברות אַוועקגעגאַנגען. דאָרט איז אַרום איינער אַ מצבה אַ בּרייטער אַ גאַנצע גרופּע העסליכע מכשפות געזעסן, זיי האָבּן פון זיך זייערע שמאַטעס אַראָפּגעוואָרפן, גלייך ווי זיי האָבּן זיך צום בּאָדן געקליבּן, דערנאָך מיט זייערע לאַנגע בּיינערדיקע פינגער פרישע קברים אויסגעגראָבּן, פון דאָרט די מתים אַרויסגענומען און זייער פלייש געפרעסן. עליזאַן איז אויסגעקומען זיי פאַרבּיי דורכגיין און זיי האָבּן זיך אויף איר מיט זייערע שלעכטע אויגן אָנגעשטעלט, זי האָט אָבער אַ תּפילה געפּליסטערט, בּשעת־מעשה זיך די קראָפּיווע אָנגעריסן און זי אין פּאַלאַץ אַוועקגעטראָגן.

איינער אַ מענטש נאָר האָט דאָס אַלץ געזען: דאָס איז

דער ערצבישאָף געווען. ער פלעגט אויף־זיין, ווען אַנדערע פלעגן שלאָפן. איצט האָט ער זיך איבערגעצייגט, אַז מיט דער מלכּה איז עפּעס ניט גלאַטיק. — קלאָר, ווי דער טאָג, — האָט ער זיך געטראַכט: זי איז אַ מכשפה און דערום האָט זי דעם מלך און דאָס גאַנצע פאָלק פאַרכּשופט.

בשעת דער ודוי *), האָט ער דעם מלך דערציילט, וואָס ער האָט געזען און פאַרוואָס ער טראַכט איבער. און אַז ער האָט די רשעהדיקע ווערטער פון באַשולדיגונג פון מויל אַרויסגעלאָזט, האָבן די געשניצטע בילדער פון די קלויסטער־הייליקע מיט די קעפּ געשאָקלט, גלייך ווי זיי האָבן זאָגן געוואָלט: „נישט אמת, עליזאַ איז אומשולדיק!" דער ערצבישאָף אָבער האָט עס אויף זיין שטייגער אויסגעטייטשט, אַז דאָס זיינען די הייליקע אויף דער מלכּהס זינד אויפגעבראַכט. צוויי היפּשע טרערן האָבן זיך פונם מלכס באַקן אַראָפּגעקייקלט, און ער איז אַהיים מיט אַ דריקנדיקן ספק אין האַרצן אַוועקגעגאַן. פון דעמאָלט אָן איז אויף זיינע אויגן קיין שלאָף ניט געקומען, ער האָט זיך נאָר געמאַכט, ווי ער שלאָפט, און געזען, ווי עליזאַ פלעגט פון בעט אויפשטיין און אַלע נאַכט האָט זיך איינס און דאָס זעלבע איבערגעחזרט, און יעדעס מאָל פלעגט ער איר אומגעהערט נאָכגיין און זען, ווי זי ווערט אין קליינעם צימערל פאַרשוואונדן.

פון טאָג צו טאָג איז דעם מלכס פּנים אַלץ פינסטערער געוואָרן. עליזאַ האָט עס באַמערקט, זי האָט אָבער די סבה נישט געוואוסט פאַרוואָס האָט זי געליטן אי פאַר אים אי פאַר די ברידער אירע. די הייסע טרערן אירע האָבן זיך אויפן מלכשן סאַמעט און פורפור געגאָסן און, ווי בריליאַנטן, אויף זיי געבליאַסקעט, און אַלע, וואָס האָבן אָט דאָס שיינקייט געזען, האָבן איר מקנא געווען און זיך געוואונטשן אויף

*) אַלע כריסטן, אַפילו דער מלך, זיינען זיך איין מאָל אין יאָר פאַרן גלח מתודה.

איר אָרט צו זיין. דערווייל די אַרבעט אירע איז שוין כּמעט פאַרענדיקט געווען, ס'איז איר נאָר נאָך איין פּאַנצער מאַכן געבליבן, האָט איר אָבער ווייטער שפּינעכץ אויסגעפעלט. נאָך איין מאָל, נאָר דאָס לעצטע מאָל האָט זי באַדאַרפט אויפן בית־הקברות גיין און עטליכע ביסלעך קראָפּיווע אָנרייסן. האָט זי מיט שרעק וועגן דעם שרעקליכן נאַכטישן וויזיט געטראַכט, און אויך וועגן די מכשפות די העסליכע, אָבער דער ווילן אירער און אין־גאָט־גלויבן זיינען שטאַרק און נישט אויף אָראָפּצופירן געווען.

און עליזא איז געגאַנגען; נאָר דער מלך מיטן ערצבּי־שאָף זיינען איר נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן געזען, ווי זי האָט זיך דורך די גראַטע־טויערן פונם בית־הקברות דורכגערוקט, און נענטער צוגייענדיק, האָבן זיי אויף יענער מצבה אויך די זעלבע מכשפות, וואָס עליזא האָט געזען, באַמערקט. האָט דער מלך מיט שרעק זיך אָפּגעקערעוועט און אַוועקגעגאַנגען; ער האָט געמיינט, אַז צווישן זיי געפינט זיך אויך די, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט און דערהויבן.

— זאָל־זשע זי דאָס פאָלק משפטן! — האָט ער געזאָגט.

און דאָס פאָלק האָט זי פאַרמשפט אויף אַ שייטערהויפן צו פאַרברענען.

פון די טייערע מלך־זאַלן האָט מען זי אין אַ פינסטערן און נאַסן קעלער אָפּגעפירט, וואו דורך די גראַטעס האָט זיך דער ווינט מיט רחמנות־וויינען געריסן; אויפן אָרט פון אַ ווייך קישעלע האָט מען איר דאָס בינטל קראָפּיווע, וואָס זי האָט זיך צום לעצטן מאָל אָנגעריסן, געגעבן; אויף דעם קראָפּיווע־בינטל האָט זי געזאָלט דעם קאָפּ אַנידערלייגן, די האַרטע ברענענדיקע פּאַנצערס, וואָס זי האָט אויסגעפלאָכטן, האָבן איר באַדאַרפט פאַר אַ צודעק דינען. נאָר דאָס איז דאָך געווען דאָס בעסטע, וואָס זי האָט זיך נאָר ווינטשן געקאָנט. זי האָט זיך ווייטער פאַר דער אַרבעט גענומען, נישט אויפהערנדיק די גאַנצע צייט גאָט צו בעטן. אויף דער גאַס האָבן שלעכטע יינגלעך אויף איר געמאַכטע זידל־לידלעך געזונגען, און קיינער

האָט זי מיט קיין טרייסט־וואָרט נישט געטרייסט.

פלוצים אויפדערנאַכט האָט זיך ביי דער סאַמע גראַטע אַ פּאָכן פון שוואַנען־פליגלען דערהערט, דאָס איז עליזאס יינגערער ברודער געווען. אים האָט זיך איינגעגעבן די שוועס־טער צו געפינען, און זי האָט זיך צעוויינט פאַר פרייד, הגם געוואוסט האָט זי, אַז די קומענדיקע נאַכט איז די לעצטע פון איר לעבן גאָר. דערפאַר אָבער איז די אַרבעט שוין פאַרענדיקט געווען, און די ברידער — אין דערנאָענט.

באַלד איז צו איר דער ערצבישאָף געקומען, כּדי מיט איר די לעצטע שעהן צו פאַרברענגען. אַזוי האָט ער דעם מלך צוגעזאָגט. עליזאַ אָבער האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט און מיט די אויגן און מיט אַ האַנט־זשעסט אים אַוועקגיין געהייסן: איר איז נויטיק געווען אַליין בלייבן און איבער נאַכט די אַרבעט פאַרענדיקן, אויב ניט, איז דאָך אַלץ אומזיסט געווען: די ליידן, די יסורים און די נעכט די שלאָפלאָזע. איז דער ערצ־בישאָף מיט זיינע שטראָף־ווערטער אַרויסגעגאַן, די אָרימע עליזא אָבער האָט געוואוסט, אַז זי איז אומשולדיק, און זי האָט ווייטער איר אַרבעט געטאָן.

קליינע מייזעלעך זיינען אויף דער ערד אַרומגעלאָפן און צו אירע פיס קראָפּיווע צוגעטראָגן, מיט דעם מיין כאָטש מיט עפּעס איר צו העלפן, און דער דראָסל האָט זיך אויף דער גראַטע פון איר פענסטער אַוועקגעזעצט און די גאַנצע נאַכט סאַמע די פריילעכסטע לידער זיינע איר געזונגען, זי זאָל דעם מוט און שטאַרקייט ניט פאַרלירן.

ס׳איז נאָך פינסטער געווען און ס׳איז נאָך אַ גאַנצע שעה ביזן זון־אויפגיין געבליבן, ווען צום פּאַלאַץ פון מלך זיינען די עלף ברידער אָנגעקומען און געפּאָדערט, מ׳זאָל זיי צום מלך פירן. האָט מען זיי געענטפערט, אַז דאָס איז אומ־מעגליך, ווייל דער מלך שלאָפט נאָך און קיינער וועט זיך ניט איינשטעלן אים וועקן אַצינד. האָבן זיי געבעטן און גע־שריגן. איז די פּאַלאַץ־וואַך געקומען און לסוף איז דער מלך אַליין אַרויסגעגאַן און געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ רעש

דאָרט. פונקט דעמאָלט אָבער איז די זון אויפגעגאַנגען און די ברידער זיינען נישט געבליבן; נאָר עלף ווילדע שוואַנען האָבן זיך אין דער מינוט איבערן פּאַלאַץ אויפגעהויבן.

פון די שטאָט-טויערן האָבן זיך גאַנצע פּאָלקס-מחנות אַרויסגעלאָזט: אַלעמען האָט זיך געוואָלט זען, ווי מ'וועט די מכשפה פאַרברענען. אַן אַלט פּגר-פערדל האָט געשלעפּט דעם שאַנד-וואָגן, אויף וועלכן עליזא איז געזעסן. מ'האָט איר אַ העמד פון גראָבן לייוונט אָנגעטאָן; די וואונדער-שיינע האָר אירע זיינען אין אומאָרדנונג אויף אירע פּלייצעס געלעגן; אירע באַקן זיינען טויט-בלאַס געווען און די ליפּן האָבן זיך קוים נאָר באַוועגט; נאָר די פינגער אירע האָבן אָן אַן אויפהער אַלץ דאָס גרינע שפּינעכץ געפלאָכטן; אפילו אויפן וועג צום טויט האָט זי די אַרבעט ניט געוואָרפן; צען פּאַנצערס זיינען ביי אירע פיס געלעגן, דעם עלפטן האָט זי געפלאָכטן, און דאָס פאָלק האָט זי מיט געלעכטערן און מיט זידלערייען באַגעגנט.

— קוק זי נאָר אָן, די מכשפה, ווי זי מורמלט עס אַ ביסל! קיין סידור האָט זי ניט, נאָר די מיאוסע האַנט-אַרבעט האַלט זי.

און דער המון האָט זי פון אַלע זייטן באַלעגערט און די פּאַנצערס געוואָלט צערייסן. דאַן אָבער זיינען עלף ווילדע שוואַנען אָנגעפלויגן, זיך אַרום איר אין וואָגן אַרומגעזעצט און מיט זייערע מעכטיקע פליגלען געפּאָכעט. דער המון איז אין שרעק אויף צוריק אָפּגעלאָפן.

— ס'איז אַ סימן, אַן אות מן השמים, זי איז אומשולדיק געוויס! — האָבן איינציגע איינס דאָס אַנדערע אין דער שטיל געזאָגט, אָבער הויך דאָס אַרויסרעדן האָבן זיי זיך ניט איינגעשטעלט.

— דער תּלין האָט זי פאַר דער האַנט אַ נעם געטאָן, נאָר זי האָט אים אָפּגעשטופּט און אויף די שוואַנען די פּאַנצערס אַרויפגעוואָרפן. אין דער מינוט האָבן זיך אויף זייערע ערטער עלף שיינע פּרינצן באַוויזן. נאָר ביים קלענסטן איז אויפן אָרט פון איין האַנט אַ שוואַנען-פליגל געווען, ווייל אין

זיין פאַנצער האָט אַן אַרבל געפעלט. עליזא האָט קיין צייט ניט געהאַט אים צו פאַרענדיקן.

— איצט קאָן איך שוין רעדן! — האָט זי געזאָגט. — איך בין אומשולדיק!

און דאָס פאָלק, אַז ס'האָט דאָס אַלץ פאָרגעקומענע דערזען, האָט זיך עס פאַר עליזאן, ווי פאַר אַ הייליקער פאַר־נויגט; אָבער זי איז אין חלשות צו די ברידער אין די אָרעמס געפאַלן. — דאָס האָבן אויף איר אַזוי די אויפרעגונג, דער טויט־שרעק און די קערפערליכע ליידן געווירקט.

— יאָ, זי איז אומשולדיק! — האָט אויך דער עלטסטער פון די ברידער געזאָגט און אַל'דאָס געשעענע דערציילט. און אין דער צייט, ווען ער האָט דאָ גערעדט, האָט זיך אין דער לופט דערוויילט אַ טייערער ריח, ווי פון מיליאָנען רויזן, פאַרשפּרייט, ווייל יעדער שייטל האָלץ פונם שייטערהויפן האָט וואָרצלען אַרויסגעלאָזט, מיט צווייגן זיך באַדעקט, און פאַר אַלעמענס אויגן איז אין איין כהרף־עין אַ שמעקנדיקער גע־וויקסן־פּלייט אויסגעוואָקסן, אַ הו'כער און געדיכטער, מיט רויטע רויזן באַזייט, און אויפן סאַמע שפּיץ פון פריערדיקן שייטער־הויפן האָט זיך אַ וואונדערליך־ווייסע בלום באַוויזן און ווי אַ שטערן זיך געשיינדלט. האָט דער מלך די בלום אָפּגעריסן און זי צו עליזאס ברוסט צוגעשפּיליעט; דאַן האָט זי זיך באַרוהיקט און מיט פרייד זיך פון חלשות אויפגעכאַפּט.

און אַלע גלעקער האָבן פון זיך קלינגען אָנגעהויבן, די פויגלען זיינען אין גאַנצע מחנות צו פליען געקומען, און צום מלכס פּאַלאַץ האָט זיך אַזאַ חופה־צוג געלאָזט, וואָס איז נאָך ביי קיין מלך נישט געזען געווען.

Club Infantil
Racionalista
ISRAELITA
Bs. AIRES
אידישער
ראציאנאליס-
טישער
קינדער-קלוב
ב. איירעס

9